STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11616

# DI KINDER FUN VUNDERLAND

Solomon Davidman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלוימע דאַווידמאַן

# די קינדער פון וואונדערלאַנד

פאַרלאַג: „פאָלקס ביבליאָטעק" — שיקאַגע.
אַרויסגעגעבן פון דער
צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון די אידישע קינדער שולן
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

טיראַזש — 2000 שיקאַגע, איל. — מערץ — 1936

געדרוקט בא די דזשיי פּרעס, 1836 ס. לאַנדייל עוועניו — שיקאַגע 628

# אַנטיילנעמער:

1. מיילעך פּאַטאַצקי, אַ שניידער. — — — — — — — 49 יאָר

2. פּעסי, זיין ווייב. — — — — — — — — — — — 49 יאָר

3. מאָרי — — — — — 21 יאָר

4. בעסי, — — — — — 19 יאָר

5. דזשעק, — — — — — 15 יאָר

6. סילוויע. — — — — — 13 יאָר

7. מייק, — — — — — 11 יאָר

צ. ראָזעלע. — — — — — 9 יאָר

(3–צ: זייערע קינדער)

9. בערל, פּירער — — — — — — — — — — — — 24 יאָר

10. בערל, זיין זון — — — — — — — — — — 15 יאָר

11. שאָלעם, וויל ווערן אַ פּאָעט — — — — — — — — 23 יאָר

12. מאַקס, אַן אַרבעטער — — — — — — — — — 40 יאָר

13. דזשים, איירישער אַרבעטער — — — — — — — — 40 יאָר

14. הענרי, איטאַליענישער אַרבעטער — — — — — — 40 יאָר

15 פריד, פּוילישער אַרבעטער — — — — — — — — 30 יאָר

16. פּאָליסמאַן

17. בריוועטרעגער

18. קוריער. — אַרבעטער — יוגנט

(די קאָמעדיע שפּילט זיך אָפּ אין אַ קליין שטעטל, ווילמינגטאָן, מערילאַנד שטאַט, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. זי קען זיך אויך אָפּשפּילן אין אַנדערע שטעטלעך. סע קומט פאָר אין יאָר 1935. סע קען אויך פאָרקומען מיט אַ יאָר פריער אָדער מיט אַ יאָר שפּעטער.)

(דאָס איז אַ וואַריאַנט פון „קאָמבערלאַנד”, קאָמעדיע, אָנגעשריבן אין פילאַדעלפיע, פּענסילווייניע, 1935 — איבערגעאַרבעט אין שיקאַגע, פעברואַר דעם 18טן, 1936.)

# ערשטע סצענע:

(אַ שניידער-וואַרשטאַטל. עס הייננען פאַריכטע און אויסגעפּרעסטע קאָסטיומען, מאַנטלען. אַ פיגור שטייט אין אַווינקל, אַ פּרעס-מאַשין, אַ טיש, אַ פּאָר בענקלעך. אויף דער וואַנט „פּרעזידענט רוזוועלט", אַן „ען-אַר-איי פויגל". אַ קאַלענדאַר. צוויי גלעזערנע שאַפעס מיט אויסגערייניקטע און אויסגעפּרעסטע קליידלעך שטייען אינמיטן קראָם, ווי אַ וואַנט. צווישן די שאַפעס הייננען צוויי פאַרהאַנגען, פאַרשלייפט, וואָס העלפן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דאָס שטיק צימער פון יענער זייט שאַפעס זאָל גאַרניט האָבן צו טאָן מיט דער קראָם, נאָר עס איז זיך קלוימערשט אַ צימער פאַר זיך אַליין. איבער די שאַפעס און אויף די ווענט זיינען צעהאָנגען שיין-אויסגעמאָלטע שילדלעך מיט דיכטעריש-סאָבּרישע איינפאַלן, ווי: „פריינט, מיר ווילן, זאָלסט נאָכאַמאָל קומען, טאָ נעם ניט קיין קרעדיט, צאָל מעזומאָנים!" און „ברעכט אויס אַ פייער. פרעג ניט, לעש — באַרגן העלפט ניט. — „פּליס, צאָלט קעש!" און אַנדערע כאָכמעס אויף אידיש און אויף ענגליש.)

**מיילעך פּאָטאָצקי:** (דער שניידער זיצט באַם מאַשין, נאָר ער נייט גראָדע מיט דער האַנט, אַ קנעפּל צו אַ פּאָר הויזן. ער זיצט אַ פוס אויף אַ פוס, ווי דער שטייגער איז, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, אַזוי, אַז ער ווייזט אַלע דורכגייער פאַרן פענצטער, אַז ער האָט אַ קיילעכדיקע לעוואָנע און דריי האָר אויפן קאָפּ. וואָס ער מאַרשירט זיי אַרום מיט די פינגער פון געוואוינהייט פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס אַלע מינוט. ער איז 49 יאָר, נאָר ער וויל ניט ווערן אַלט, קוקט ער אויס אינגאַנצן ווי 40. אַ שטיקל שטימע האָט ער נאָך, זינגט ער זיך צו:

ביסט אַנטלאָפן, פון דיין טאַטן, זייער גוט, זייערגוט,
דאַרף ער נעבעך הויזן לאַטען, זייער גוט, זייער גוט.
ס'איז דיין טאַטע ניט קיין סוינע,
קענסטו קומען צוריק דאָ וואוינען,
זייער גוט, זייער גוט, זייער!

**פּעסי פּאָטאָצקי:** (פאַרשטייט זיך, זיין ווייב, זיצט זיך אין הינטער-צימערל און טוט עפּעס אַן אַרבעט. זי איז מיסטאָמע אויך אַלט 49 יאָר. מע קען ניט וויסן אויף זיכער, ווייל פאַר די לעצטע 22 יאָר, זינט זי האָט כאַסענע געהאַט מיט מיילעכן, האַלט זי אין איין פאַרלייקענען עטלעכע יאָר איז מיילעך שוין אַזוי צעטומלט, אַז וויפל זי זאָל ניט זאָגן; גלויבט ער איר. ווען זי זאָגט אים: 50, 60, 70, גלויבט ער איר אויכעט. זי וויל נעבעך אויך ניט ווערן אַלט, נאָר עס העלפט איר ניט קיין סאַך פוצן זיך, מאַכמעס זי איז ניט פאַר אונדז געדאַכט, אַבּ'סעלע צו פעט, און דערפאַר לאָזט זי פריער הערן איר שטימע)

מיילעך, מיילעך, ביסט ניט פריילעך, זייער ניט גוט,
זייער ניט גוט.

**מיילעך:** פּעסי, האָסט געהערט די נייע ווערטער, וואָס איך האָב צוגעפּאַסט צו „זייער גוט?"

**פּעסי:** וואָדען. איך האָב ניט געהערט? — זיי זיינען טאַקע זייער ניט גוט.

מיילעך: וואס זשע, זיי געפעלן דיר ניט? — אט הער נאכאמאל. אבער הער גוט:
ביסט אנטלאפן פון דיין טאטן, זייער גוט, זייער גוט.
דארף ער נעבעך הויזן לאטען, זייער גוט, זייער גוט.
ס'איז דיין טאטע ניט קיין סוינע,
קענסטו קומען צוריק דא וואוינען.
זייער גוט, זייער גוט, זייער.

פעסי: זייער ניט גוט, זייער ניט גוט, זייער.

מיילעך: זאג זשע מיר פארוואס סע געפעלן דיר ניט מיינע ווערטער, וואס איך האב צוגעפאסט.

פעסי: ווייל דו האסט זיי צוגעפאסט. שוין 22 יאר ווי דו פאסט מיר צו ווערטער, און וואס האט זיך אויסגעלאזט? — אלץ א קאפצן.

מיילעך: דאס אינגאנצן? און איך האב געמיינט, אז די ווערטער געפעלן דיר ניט. — אויב אזוי, איז דאס גוט. —
ביסט אנטלאפן פון דיין טאטן . . .

בריוו טרעגער: (עפנט די טיר און קומט דאס מאל יא אריין) העלאו, מיסטער פאטאצקי, אט האסטו דיין „מארגן־פרייהייט" „דיילי ווארקער" „ניו מעסעס" „לייבער דעפענדער" „האמער" און „ניו פיאניר"; דו לייענסט א סאך, האָ? און אט האסטו מיסטאמע א טשעק פון דיין זון . . . וואס הערט זיך מיט מיינע הויזן. — וועלן זיין פארטיק אין אוונט?

מיילעך: פארטיק, ברודערל, קענסט זיי שוין נעמען.

בריוווטרעגער: ניטא קיין צייט איצט, אין אוונט. א גוטן. (אפ)

מיילעך: א גוטן. (ער כאפט דעם זונס בריוו, עפנט, הייבט אן לייענען, גיט זיך א קנייטש מיטן פאנעם) נו, ער איז פארקנאקט! (ער כאפט זיך באלד, אז ער האט ארויסגערעדט צו הויך. פעסי האט דערהערט. ער באהאלט דעם בריוו אין קעשענע און צעעפנט אף שנעל די צייטונגען און זשורנאלן.)

פעסי: ווער איז שוין דארטן פארקנאקט, מיילעך? האסט עפשער א בריוול פון מארין?

מיילעך: האָ? (זוכט אין דער צייטונג.) ווער ס'איז פארקנאקט?, ער אליין איז פארקנאקט. (ער זוכט נאך אלץ, קראצט זיך אין קאפ.) ווער זאל זיין פארקנאקט? היטלער איז פארקנאקט.

פעסי: וואס זשע, מע האט אים שוין עפשער אוועקגעלייגט?

מיילעך: ניין, נאך ניט, ער לעבט נאך. און איך וויל גראדע ער זאל לעבן און דערלעבן א סאוועטן־דייטשלאנד. נאר ער איז פאשעט מעשוגע; ער 'וויל זיך פארמעסטן מיטן סאוועטן־פארבאנד.

פעסי: וואס בעלעבעטשעסטו מיך דארטן: פארדריי מיר נאר ניט די ציין. (לויפט ארויס, אנגעטאן אין פארטעך מיט א פינגערהוט אף איין פינגער, גלעזער אף דער נאז און אביסל צעפאטלט די האר.) וואו איז דער בריוו?

מיילעך: וואס פאר א בריוו, ווער מיר בריוו, אט האסטו אן עלעקטריק־ביל האט מען אונדז שוין ווידער צוגעשיקט. מאדנע מענטשן דארטן אין דער עלעקטריק קאמפאני; אלע כוידעש שיקן זיי צו א ביל, האסטו שוין געהערט אזא זאך? (לאזט זיך גיין) ביסט אנטלאפן פון דיין טאטן, זייער גוט, זייער גוט . .

**פּעסי:** (קוקט אַריין אין צייטונג) וואוהין גייסטו, מיילעך?

מיילעך: איך גיי אַריין אין הויז. (אָפּ)

**פּעסי:** איך וועל אַ רוף טאָן די קינדער: (עפנט די טיר אין דרויסן און שרייט):
דזשעק, סילוויע, מייק, ראָזעלע; קומט אַריין עסן!

**דזשעק:** (זיין שטימע) דזשאַסט אַ מינעט, מאָם: — די לעסט שאַט . . .

**פּעסי:** איך וועל דיר גיבן באַלד אַ „דזשאַסט אַ מינעט" מיט אַ „שאַט", אַז דו וועסט זיך מעכאַיע זיין, קום שנעל! נו?

**מייק:** (לויפט אַריין) וואו איז דעדי?

**פּעסי:** וואו זאָל זיין דיין דעדי אַ שטיינער? — ער איז דאָ.

**סילוויע:** (קומט אַריין) — מאַמע; דזשעק האָט געמאַכט אַ „האָום-ראָן." — ער איז אַ גוטער באָל-שפּילער!

**פּעסי:** אָבער צום לערנען איז ניטאָ קיינער אין דער היים! (קלאַפּט אָן מיט אַ פינגער אין איר שטערן.)

**ראָזעלע:** (לויפט אַריין) מאַ, איך וועל היינט גיין אין די מואוויס, שוירלי טעמפּל שפּילט.

**פּעסי:** וואָסערע מואוויס אין מיטן דערינען? מע דאַרף גיין עסן, וואו איז דזשעק? (עפנט די טיר) — דזשעק!?

**דזשעק:** (ער לויפט אַריין פאַרפּלאָמט.) איך בין דאָ!

**פּעסי:** שטענדיק מוזסטו זיין דער לעצטער!

**מיילעך:** (קומט אַריין) וואו ברענט ערגעץ?

קינדער: סע ברענט נים.

מיילעך: וואָס זשע שרייט מען געוואַלד?

**פּעסי:** אַט מיט די כאַכמעס לייגסטו מיך אין דרערד אַריין. און קינדער וועלן בא דיר אויסוואַקסן . . נו, קומט אַריין עסן . . שאַ, בעסי איז נאָך ניטאָ. ווער וועט אַ רוף טאָן בעסין?

**קינדער:** איך!

**מיילעך:** וואו איז דען בעסי?

**פּעסי:** און דו ווייסט נים, מיילעך? (עפנט די טיר) בעסי!

**בעסי:** (איר שטימע) קאַמינג:

**פּעסי:** (היר קאַמס די בראַיד!

קינדער: (זינגען) אָל דרעסט אין ווייט, טאַם טעדעראַם-טאַם — טאַם-טאַם.

**בעסי:** (קומט אַריין) וויפל מאָל האָב איך אייך געזאָגט; אַז איר זאָלט עס מיר נים זינגען, — האָ?

**פּעסי:** (אַפּגייענדיק) זיי וועלן דיר דאָס זינגען בלויז ביז דער כאַסענע . . .

**בעסי:** ווער דאַרף אים האָבן, דעם . .

מיילעך: בעסי, האַלט, קינדער, שאַ, עס זיינען דאָך אָנגעקומען די זשורנאַלן.

מייק: די „ניו פּייאָניר" (אַלע גיבן זיך אַ לאָז צו די צייטונגען און זשורנאַלן).

מיילעך: פּיאָנערן, אַכטונג, דיסציפּלין!

קינדער: (שטעלן זיך אויס) שטענדיק גרייט!

מיילעך: בעסי, כאַפּ אַ קוק צי די מאַמע איז ווייט פון דאַנען.

**בעסי:** (קוקט) זייער ווייט, זי שניידט ערשט דאָס ערשטע ברויט.

מיילעך: (שלעפּט אַרויס אַ בריוו) אַ בריוו פון מאָרין!

קינדער: פון מארין ?! — וואס שרייבט ער ?
מיילעך: „ער זיצט !״
ראזעלע, מייק און סילוויע: וואס הייסט ?
דזשעק: טורמע ?
בעסי: וויפל?
מיילעך: זעקס כאדאשים טורמע פאר רעדן בא אן אפען עיר מיטינג !
קינדער: זעקס כאדאשים ? !
מיילעך: דערציילן דער מאמען ? — זי וויסט נאך ניט.
ראזעלע: ניין !
מייק: יא !
סילוויע: ניין !
דזשעק: יא !
בעסי: מירן באטראכטן !
פעסי: (באווייזט זיך) כאוויירים, דער באנקעט איז גרייט, איר זיינט אלע געלאדן !
מיילעך: (באהאלט שנעל דעם בריוו) זיינען מיר גרייט צום עסן ?
קינדער: שטענדיק גרייט ! (מע מארשירט אונטער די קלאנגען פון „רויטן האלדזטוך״ אין הויז אריין.)

(און עס לאזט זיך נעבעך אראפ דער פארהאנג.)

## צווייטע סצענע:

(עס־צימער בא די פאטאצקים. מע האט פארענדיקט עסן. מע לייענט צייטונגען און זשורנאלן. מע ברומט אונטער א לידל. בעסי קלאפט מיטן גאפל אין א טעלער און קוקט אף מארים פארטרעט, וואס הייננט אף דער וואנט.)
פעסי: מיילעך, ווי קומט עס וואס פון מארין איז שוין לאנג ניט געווען קיין בריוו ? .. (א באוועגונג צווישן די קינדער.)
מיילעך: מיסטאמע גייט אים גוט, וואס זשע דארף ער אונדז ? און זיי (קוקט אף די קינדער.) וועלן זיין בעסער ? ,
ראזעלע: אז איך וועל אמאל אוועקפארן, מאמע, וועל איך אלע טאג שרייבן א בריוו.
סילוויע: און איך וועל גארניט שרייבן !
קינדער: פארוואס ?
סילוויע: ווייל איך וועל קיינמאל ניט אוועקפארן !
פעסי: דעם טאטנס טאכטער ! נו, ווער העלפט היינט וואשן די טעלער ?
מיילעך: סעקרעטאר. לייען דעם לעצטן פראטאקאל !
דזשעק: (קראצט זיך אין קאפ) וואו האב איך אוועקגעלייגט מיין פראטאקאל־בוך ? (אפ)
ראזעלע: איך געדיינק אויסווייניק: היינט דארפן וואשן: פאפ, בעסי און סילוויע.
סילוויע: סע קען ניט זיין, איך דארף זיצן אין „סטאר.״
דזשעק: (קומט אריין מיטן בוך.)
מיילעך: ארדנונג, דער כאווער סעקרעטאר וועט לייענען דעם פראטאקאל !

דזשעק: (לייענט) עס איז איינשטימיק אנגענומען געווארן צו דערוויילן פּאָל־גענדע כאַווירים פאַרן אַרבעט־טאָג, דינסטיק, אין דער פּאַטאַצקי־קאַמונע: ראָזע, דזשעק און מייק נעמען אַראָפּ פון טיש. סילוויע, היטן די סטאַר. בעסי, וואַשן דאָס געשיר. מאַמע, ווישן. אויסקערן די הויז, — פּאַפּ.

אונטערגעשריבן,

סעקרעטאַר פון דער ערשטער פּאַטאַצקי-קאַמונע. דזשעק.

— פאַרזיצער, מײלעך.

: : :

מײלעך: זיינען פאַראַן באַמערקונגען צום פּראָטאָקאָל ?
פּעסי: פאַרשלאָג גוטצוהייסן און זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט.
מײלעך: קיינער ניט קעגן ? — צו דער אַרבעט ! (מע אַרבעט און מע זינגט אַ לידל. סילוויע אַפּ אין קראַם.)
סילוויע: (קומט אַריין) פּאַפּ.
מײלעך: יע.
סילוויע: כאַווער מאַקס איז דאָ.
מײלעך: שיק אים אַריין. (סילוויע אַפּ.)
מאַקס: (קומט אַריין) העלאָו, כאַווירים. באַ אייך איז דאָ שטענדיק פרייליך. פיין, עפּשער האָט איר פאַר מיר אַ „דזשאָב ?"
מײלעך: פּעסי, האָסט פאַר אים אַ דזשאָב ?
פּעסי: כאַפּן אַ ביים ?
מאַקס: אַ דאַנק. שפּעטער אַביסל. מײלעך, אַ בריוו פון צענטער.
מײלעך: (לייגט אַוועק דעם בעזים) טאַקע, ווייז. (מאַקס דערלאַנגט. לייענט) „רופט אַ ספּעציעלן מיטינג אַף דינסטיק אוונט. מיר שיקן אייך אַלס צייטווייליקן פאַרטרעטער דעם כאַווער בערל." דאַרפן דאָך צונויפרופן די כאַווירים ?
מאַקס: שוין גערופן.
מײלעך: וואוהין ?
מאַקס: אַהער !
פּעסי: אַזאַ דעזאָרגאַניזאַציע, עפּשער ?

(דזשעק הויבט אָן סאָפּען ווי אַ באַן, אַלע העלפן אים אַרויס.)

בעסי: טאַ לאָמיר, כעוורע, אַ יאַג טאָן די אַרבעט, מע קומט זיך באַלד צונויף.
מײלעך: וואָס עפּשער ביסטו קעגן ?
מאַקס: איי סאַ פריילעכע קאַמאַנדע באַ דיר, מײלעך; איך בין דיך מעקאַנע. איי. ווען דו ביסט מיט דער כעוורע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.
ראָזעלע: מיר וועלן דאָ מאַכן אַ סאָוועטן-פאַרבאַנד. איבער דער גאַנצער וועלט. איך בין שוין פאַרטיק מיט מיין אַרבעט.
דזשעק: איך אויך.
מייק: און איך אויך !
מײלעך: פאַראַן עפּעס היים־אַרבעט, כעוורע ?
דזשעק: פריער האָבן מיר אַביסל דרויסן-אַרבעט. (לאָזט זיך לויפן.)
פּעסי: פאַרגעס ניט דעם אַדרעס.

דזשעק: איך האב פארשריבן אין פראטאקאל ! (קינדער לויפן ארוים.)
בעסי: וועל איך מעגן זיין באם מיטינג ?
מיילעך: פרעג באם סעקרעטאר, מאקס, וואס זאגסטו ?
מאקס: זי וועט פארטרעטן די יוגנט, „א-קיי."
סילוויע: (קומט אריין) דזשים איז דא.
מיילעך: שיק אים אריין. (סילוויע אפ.)
דזשים: (קומט אריין) נאך פרי, העלאו, קיינער ניטא ?
פעסי: און מיר זיינען קיין מענטשן ניט ?
דזשים: אנטשולדיקט, אנטשולדיקט, כ'מיין אלע זיינען נאך ניט געקומען, וועגן וואס איז די ספעציעלע זיצונג ?
מאקס: א פארטרעטער קומט היינט.
דזשים: דאס איז גוט. ווער איז ער ?
מאקס: כאוועך בערל.
דזשים: האסט געהערט פון אים ?
מאקס: ניין.
מיילעך: אז דער צענטער שיקט, ווייסט ער וועמען.
פעסי: קיין ווילמינגטאן וועט מען ניט שיקן קיין גרויסע ציאצקע.
מיילעך: די באמערקונג איז ניט אין פלאץ.
מאקס: דער מיטינג האט זיך נאך ניט געעפנט.
דזשים: מיינסט, אז דער צענטער מאכט זיך א צימעס פון ווילמינגטאן ? זעסטו: שיקאגע, באסטאן, דעטרויט, זיינען וויכטיקע שטעט — ווילמינגטאן .. שיק זיי געלט, פיר דורך קאמפאניעס, אט דאס, וואס זיי ווילן.
בעסי: כאוויירים, איך האב געלייענט, אז עס זיינען ניטא גענוג פירערישע קויכעס, יעדער איינער פון אונדז דארף ווערן א פירער.
דזשים: און אז מיר גיבן אימיצן ארוים, מארין, צום ביישפיל; נו, האט אים ניט צוגענומען דער צ ע נ ט ע ר קיין פיטסבורג ?
מאקס: דזשים איז גערעכט.
סילוויע: (קומט אריין) הענרי איז דא.
מיילעך: שיק אים אריין. (סילוויע אפ.)
הענרי: (קומט אריין) העלאו, כאוויירים, נו, שוין פארשפעטיקט ?
מאקס: בא אונדז פארשפעטיקט מען ניט.
מיילעך: אז קיין פירער איז ניטא, קומט מען ניט אין צייט.
דזשים: ווער פעלט נאך ?
מאקס: פריד און דער פארטרעטער.
הענרי: עפשער איז ער פון יענע פארטרעטער, וואס קומען שטענדיק די לעצטע: הא ? (לאכט.)
מיילעך: זאג איך אייך, אז איך וואלט ניט געוואלט זיין קיין ..
סילוויע: (קומט אריין) א מאן וויל דיך זען, פאפא. (אפ)
מיילעך: (גייט ארוים, אלע בלייבן אין דערוואַרטונג. קומט גלייך צוריק. נאך אים בערל.) פארטרעטער כאוועך בערל, כאוויירים דזשים, הענרי, מאקס, בעסי און פעסי.

בערל: (דריקט די הענט, שטעלט אוועק דאָס רענצל, וואַרפט אראָפּ דעם מאַנטל און א קאַפּעליוש.) זייער אנגענעם, כאַווײרים, זיך אביסל פאַרשפּע־טיקט, פעלט אימיצער צום מיטינג?

פעסי: עפשער וועט דער כאַווער פאַרטרעטער עפּעס איבערכאַפּן, וועט מען קענען אויסטראַכטן בעסערע פּלענער?

בערל: א דאַנק. ווער איז סעקרעטאַר?

מאַקס: איך.

בערל: נעמט ארויס פּאַפּיר און א בלייפעדער. (מאַקס הויבט אָן זוכן אין די קעשענעס.) סע טויג ניט. ווער האָט פּאַפּיר? (בעסי דערלאַנגט.) זיינען אַלע פּאַרטיי מיטגלידער?

מיילעך: אַלע, אויסער כאַווערטע בעסי, זי איז אין דער „קאָמוניסטישער ליג."

בערל: פעלט נאָך אמיצער צום מיטינג?

מאַקס: איינער, כאַווער פריד.

בערל: (פאַרצייכנט) ער וועט דאַרפן דערקלערן, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. שטעלט אויס פונקטן פאַר דער טאָג אָרדנונג: צוגרייטן מאַי פאַרזאַמ־לונג, קאָנפערענץ, מאַסן-מיטינג, אָפּען־עיר מיטינגען; ליפלעטס, באַנקעט פּאַראַד, קאָנצערט; נייע מיטגלידער, ליטעראַטור און פרעסע; פאַרשריבן?

מאַקס: סאַ ביסל צו שנעל, כאַווער; מיר זיינען ניט געוואוינט דאַ אזוי שנעל צו אַרבעטן.

בערל: מיר וועלן זיך צוגעוואוינען.

סילוויע: (קומט אריין) פריד איז דאַ.

מיילעך: שיק אים אריין. (סילוויע אָפּ.)

פריד: (קומט אריין) העלאָו, כאַווײרים.

בערל: העלאָו, כאַווער פריד. (דערלאַנגט אים די האַנט.) איר וועט זיין אזוי גוט און דערקלערן צו די כאַווײרים, פאַרוואָס איר זיינט געקומען שפּעט.

פריד: שפּעט? מיר דאַכט זיך, אז היינט זיינען אַלע זייער פרי. איך האָב ניט געוואוסט, אז אַלע וועלן קומען אין צייט.

בערל: פון היינט אָן און ווייטער וועט מען מוזן קומען אין צייט, ס'טויג ניט, קלאָר? כאַווער מאַקס; נעמט אָן נאָמינאַציעס פאַר פאָרזיצער.

מאַקס: נאָמינאַציעס פאַר פאָרזיצער.

דזשים: פריד.

פריד: מיילעך.

מיילעך: א פאָרשלאָג. כאַווער בערל.

הענרי: ריכטיק, כאַווער בערל.

דזשים: נעם איך ניט אָן.

בערל: פאַלש, א קאָמוניסט ציט זיך ניט צוריק; שטימט אָפּ, כאַווער מאַקס.

מאַקס: אַלע פאַר כאַווער בערל, פאַרצייכנט מיט דער האַנט.

אַלע: (הויבן די הענט) איינשטימיק!

בערל: כאַווער מיילעך; זאָגט אָן אייער טאַטער, אז א שטונדע צייט זיינט איר נישטאָ אין דער היים. מיר וועלן ניט רעדן קיין סאָך, מיר וועלן טאָן. (מיילעך אָפּ און קומט באַלד אריין.) (עס ווערט אביסל טונקעלער, א שטילע באַוועגונג מיט די ליפּן.) גרייט צום שטימען? אַלע פאַר.

אלע: (הויבן די הענט.)

בערל: דער מיטינג איז געשלאסן; אלע צו דער ארבעט.

(די כאווירים דרייען זיך אביסל ארום, עפעס גיט געוואוינט אזוי פרי אוועקצוגיין פון א מיטינג. מע רעדט מיט די הענט וועגן פארטרעטער, מע שושקעט זיך און מע נעמט זיך אנטאן. מאקס טיילט אוים צעטעלעך.)

מאקס: קיינער זאל ניט פארגעסן צו באזוכן די מיטגלידער צום מארגנדיקן מיטינג און באזוכן די ארגאניזאציעס צו דער קאנפערענץ.

מיילעך: ס'הייסט מע וועט פארגעסן! — שוין צו דער ארבעט!

פעסי: דער פארטרעטער וועט עפעס עסן?

בערל: יא . . . שא. פארגעסן. און וואו וועל איך שלאפן?

פעסי: האט דער צ ע נ ט ע ר וועגן דעם ניט אינסטרואירט?

בערל: מע האט גערעדט, אויב מעגלעך, אין דער פאטאצקי-קאמונע.

מיילעך: וואס הייסט, אויב מעגלעך, — באשטימט.

בעסי: קיינער ניט קענען? דערמיט פאסירט. מאמע, אויב דו ווילסט, וועל איך פרייווייליק אננעמען די ארבעט פון צוגרייטן עסן פאר אונזער פארטרע-טער כאווער בערל.

פעסי: דאס הייסט שלאגלערישע ארבעט. בעסי. זאלסט נאר זען. אז דאס פייער זאל ניט זיין צו גרויס, עפעס זאל זיך ניט צוכאפן . . . .

(דער אוילעם צעגייט זיך, מע געזעגנט זיך מיטן פארטרעטער, עס בלייבן בעסי און בערל. בערל זיצט באם טיש און בלעטערט די פרעסע. בעסי כאפט פון אייז באקס פוטער, שטעלט אוים ברויט, פרעגלט אייער: א סאלפעטקע וואקסט אוים, כאפט א קוק אף בערלען און שמייכלט צו זיך.)

בערל: (גיט א פאר דורך מיט זיין לינקער האנט דורך דער טשאפרינע שווארצע האר, גיט זיך אזוי א צי אוים, טאקע אפן בענקל.) ווי אזוי ארבעט די יוגנט אין שטאט, בעסי? (און דער פארהאנג רוקט זיך אראפ.)

# דריטע סצענע:

(אן ארבעטער צענטער. עס זעט זיך דער דורכגאנג-צימער, וואנט-ציי-טונגען, בילדער, אלעמאל עפנט זיך די טיר פון דער זאל, אימיצער גייט אריין אדער ארויס. דארטן קומט פאר א קאנפערענץ וועגן 1טן מאי. עס הערט זיך אלעמאל א קאל פון א רעדנער. ארבעטער גייען אריין און רעדן צווישן זיך. יוגנט גייט דורך. אפגעהאקטע זאצן. אן אנגע-שטריינגטקייט פילט זיך אין יעדנס רייד, אין שפאן, אין דערווארטונג פון וויכטיקע געשעענישן. אין א ווינקל זעען זיך אנגעגרייטע פלאקאטן וועגן 1טן מאי.

ערשטער ארבעטער: ער וויל אנהויבן די רעוואלוציע פון ווילמינגטאן.

צווייטער ארבעטער: ער קען ניט אונדזער פאליציי, אז זי זאגט ניין, איז ניין. אבעטשע, אז ער ווייסט ניט פון „הונגער-מארש."

ערשטער ארבעטער: וועל, לאמיר אריינגיין, שפעט.

ערשטער יוגנטלעכער: אבער אזוי דארף דאך זיין. ער איז גערעכט. מיר מוזן דורכפירן די מאי-דעמאנסטראציע אונטער אלע אומשטענדן.

שאלעם: דאס איז זיך טאקע ריכטיק, אבער לאמיר אנאליזירן די צייט, דאס ארט און דעם רעזולטאט: שטייען מיר שוין איצט פאר א באריקאדן־קאמף אין אמעריקע? איז ווילמינגטאן דער רעוואלוציאנערער צענטער, וואס וועט אנהויבן די רעוואלוציע. וואס מיר מוזן גיבן קארבאנעס? און אז מע וועט שוין גיבן קארבאנעס. וואס וועט זיין דער רעזולטאט? דאס ביסל קויכעס וועט זיך צעפאלן, עס וועט אנפאלן א שרעק. און אנשטאט צו פארגרעסערן די באוועגונג, וועט זיך אלץ צעפאלן.

ערשטער יוגנטלעכער: מע שיסט נאך ניט אזוי שנעל, מע הארגעט נאך ניט, זאג דעם עמעס. שאלעם: — דו האסט זיך דערשראקן?

בערל: (מע הערט זיין שטימע, וואס פארענדיקט א רעדע, שאלעם און דער יוגנטלעכער שטעלן צו אן אויער.) באוויירים; מיר מוזן צווינגען דער פאליציי צו גיבן א דערלויבעניש. און אויב נישט, וועלן מיר מארשירן סאי־ווי־סאי. דערמאנט זיך אין אונדזערע העלדן: הירש לעקערט, נאפטאלי באטווין, הערי סימס, יאסל באסל, דזשא יארק. העי־מארקעט אין שיקאגע און טויזנט אנדערע. און ווער ס'שרעקט זיך, זאל זיך באהאלטן הינטער דער מאמעס פארטעך. מיר וועלן פייערן דעם 1טן מאי, (סע הערן זיך אוואציעס. שאלעם קראצט זיך אין קאפ.)

בעסי: (קומט ארויס.) העלאו שאלעם, העלאו כאווער (יוגנטלעכער גייט אריין) שאלעם, בערל זוכט דיך, ער וויל, אז דו זאלסט שרייבן נייעסן וועגן די צוגרייטונגען צום 1טן מאי אין דער „מארגן־פרייהייט."

שאלעם: יא, ער זוכט מיך? — וואס זשע מאכסטו, בעסי? .. זינט בערל איז אראפגעקומען, זעט מען דיך ניט.

בעסי: א, ס'איז דאך דא אזוי פיל ארבעט; ער האט דאך איבערגעקערט די שטאט, ס'האט זיך א ריר געטאן.

שאלעם: מע מאכט שוין צופיל טומל פון אים, דו ביסט שטארק באגייסטערט פון זיינע רעדעס? איך ניט. צופיל פראזן, בעסי.

בעסי: גיי שוי גיי, שאלעם; דו האסט נאך מיט אים ניט גערעדט. ער איז א פייאיקער און דערפארענער פירער.

שאלעם: (שלעפט ארויס א פאפיר.) איך האב אנגעשריבן א ליד וועגן 1טן מאי; ווילסטו הערן?

בעסי: ניט איצט. (ווייזט צום מיטינג זאל.) זעסט דאך, וואס סע טוט זיך. וועסט לייענען אפדערנאכט, קום אריין צו אונדז אין הויז.

מיילעך: (עפנט די טיר.) באוויירים, מע גייט צום שטימען. זע. שאלעם, בעסי. וואס שטייט איר דא? אריין! (בעסי גייט גלייך אריין, שאלעם קען זיך קיין אייצע ניט גיבן און גייט שוין אויך אריין.) (2 ארבעטער קומען מיט פעק ליפלעטס און צייטונגען און ווארפן זיי אפ.)

דריטער ארבעטער: (ווישט דעם שווייס.) דזשיזעס, פון זינט איך בין אין ווילמינגטאן האבן מיר נאך אזוי פיל ליפלעטס ניט געדרוקט.

פערטער ארבעטער: (ווישט זיך דעם שווייס.) וואס פארשטייסטו ניט, נאר איינער: ער איז אזוי שטארק באגייסטערט פון ווילמינגטאן, אז ער וויל זי פארפלייצן מיט ליפלעטס.

דריטער אַרבעטער: אבער א צונג האט ער. א געשליפענע.
פערטער אַרבעטער: און ער האט שוין געוואונען דעם צוטרוי פון יעדן איינעם.
דריטער אַרבעטער: אפילו די יוגנט האט ער געוואונען.
בערל: (זיין שטימע הערט זיך.) און אז מיר זיינען אלע איינשטימיק, וועלן מיר פארענדיקן מיטן „אינטערנאציאנאל." (עס הערט זיך געזאנג. עס קומען ארויס: מאקס, דזשים, פריד, הענרי און מיילער.)
מאקס: כאוויירים! שנעל צו דער ארבעט, אויסטיילן פעקלעך ליטעראטור פאר יעדער געגנט, פאר יעדן שאפ, פאר יעדער ארגאניזאציע.
מיילער: (בא דער ארבעט.) הערט איר כעוורע; זינט דער פארטרעטער איז געקומען, איז מאקס געווארן אביסל שנעלער.
דזשים: (ארבעט.) מיר זיינען אלע געווארן שנעלער.
פריד: (ארבעט.) פונדעסטוועגן דערוואַרט איך נית קיין גרויסן פאראד.
הענרי: (ארבעט.) זיי האבן דאך אלע געהויבן די הענט.
פריד: צום שטימען הויבט מען די הענט און מארשירן וועט מען נית הויבן די פיס. (ארבעטער קומען ארויס, מע שמועסט. מע פארענדיקט א זאץ. מע מאנט ליטעראטור. אלע ווילן וואס גיכער.)
בערל: (לויפט ארויס און כאפט זיך ארויף אף א בענקל.) כאוויירים! קיינער וועט נית פארלאזן, ביז מע וועט נעמען ליטעראטור. אין דער צייט פון אויסטיילן די ליפלעטס און צייטונגען וועל איך אויפנעמען א פאר פראגן: 1. פינאנסן. 2. א גרויסע פאן. 3. קארעספאנדענטן. מיר מוזן דאס גלייך באשטימען. ווער האט וואס צו זאגן ?
מאקס: מיר ווען רופן א מיטינג און דאס באטראכטן ! (געלעכטער.)
מיילער: און איך האב געמיינט, אז ער איז שוין געווארן שנעלער !
בערל: שפאס אן א זייט. מיר מוזן גלייך האבן 10 דאלער פארן דרוקער. מירן דאך היינט באשטעלן נאך ליפלעטס !
דריטער אַרבעטער: נאך ליפלעטס, דזשיזעס !
פערטער אַרבעטער: איך האב דאך דיר געזאגט, אז ער וויל פארפלייצן ווילמינגטאן !
בערל: רואיק, דארפן מיר א ליפלעט צו די פאסט-ארבעטער ? דארפן מיר א ליפלעט צו די הויז־פרויען ? צו די קינדער ? . . . .
אלע: אוודע דארפן מיר.
פאליסמאן: (קומט אריין. עס ווערט שטיל. ער נעמט אראפ דאס היטל און נעמט ארויס א בריוו.) — ווער איז מיסטער בערל ?
בערל: איך.
פאליסמאן: דאס איז דער פערמיט פארן 1טן מאי פאראד. (דערלאנגט און גייט אפ.)
אלע: טאקע ?
בערל: (לייענט.) „באקומען אייער בריוו וועגן א דערלויבעניש פארן 1טן מאי פאראד. דער פאליציי־דעפארטמענט האט גארנית קעגן, אויב עס וועט דורכגעפירט ווערן לויט די געזעצן פון ארדנונג."
אלע: הורא !
בערל: פאר אלעמען א פרייד. איר ווייסט פארוואס מיר האבן געקראגן א דערלויבעניש ?

בעסי: ווייל זיי האבן געוואוסט אונדזער באשלוס, אז מיר וועלן מארשירן סאי-ווי-סאי!

בערל: מיר וועלן גיין פון זיג צום זיג!

(מע פארציט „לינקס, לינקס", דאס געזאנג ווערט העכער, פויסטן הויבן זיך מיט שמייכלען. און א שטאלצער שפאנט זיך דער פארהאנג אראפ.)

## פערטע סצענע:

(א שטאטישער פובליק גארטן. עס הייגגען דריי גרויסע שילדן: „קאמבערלאנד", „יוגנט־טאג", 1950. אף א באנק אין א זייט זיצן מיילעך מיט פעסין. מע הערט דאס אנקומען פון א יוגנט־אפטיילונג, א פויק.)

מיילעך: (פארעלטערט.) די יוגנט קומט שוין אן.

פעסי: (פארעלטערט.) מיר האבן זיך דערלעבט, מיילעך.

מיילעך: הערסטו, פעסי, נאר אן אווייזע, וואס מע איז אביסל פארעלטערט. (לאזט זיך א קוק טאן.) און ווייסטו ווער עס גייט דער ערשטער?

פעסי: בערל!

מיילעך: געטראפן. הער זיך איין, פעסי: איך האב באשלאסן זיך לאזן אפער-רירן פון פראפעסאר.

פעסי: זאלסט וויסן זיין, מיילעך, אז מיר וועלן זיך ביידע אפערירן, ווערן צוריק יונג, וועל איך מיט דיר מער ניט כאסענע האבן.

מיילעך: פארוואס? א שלעכטע וועלט דערלעבט?

פעסי: אבער וואו זיינען אלע קינדער? בלויז אן איניקל געבליבן.

מיילעך: זיי האבן דאך געהאלפן באפרייען דאס לאנד! (קוקט) אט קומען זיי! (עס קומט אן די יוגנט מיט געזאנג און געפויק.)

בערל: (שטעלט זיך אף א באנק.) כאווירים! פונקט היינט איז געווארן 15 יאר זינט עס איז אראפגעקומען מיין פאטער אין דער שטאט און גע-האלפן ארגאניזירן די ארבעטער. מיין פאטער, צוזאמען מיט מיינע פעטערס און אייערע פאטערס האבן אוועקגעלייגט זייערע לעבנס אף די באריקאדן פאר דעם זיג פון דער רעוואלוציע. היינט, אין גרויסן יאנטעוו פון אונדזער יוגנט דערמאנען מיר זייערע נעמען, ווייל זיי האבן אונדז געבראכט פרייד. מיר האבן אויך באשלאסן א נאמען צו גיבן אונדזער יוגנט-גארטן: „קאמבערלאנד." דאס לאנד פון קאמוניסט בערל. מיר וועלן פייערן דעם יאנטעוו דורך געזאנג, טענץ, ספארט און מוזיק.

(עס ווערט דורכגעפירט א לענגערע פראגראם פון געזאנג, טענץ, ספארט און מוזיק, וואס דריקן אויס די שווערע קאמפן פון אמעריקאנער אר-בעטער קלאס. פאשיזם. מילכאמע, בירגער-קריג און סאוועטיש רואיק לעבן. בא דער ענדע פון פראגראם טיילן זיך אויס מיילעך און פעסי, די יוגנט צערוקט זיך אין די זייטן, זיי טאנצן אויס א טאנץ פון פרייד, וואס זיי האבן דערלעבט אזא צייט.)

(און א פריילעכער טאנצט זיך דער פארהאנג אראפ.)

# פינפטע סצענע:

(שטעלט פאר צוויי צימערן. אין איינעם שלאפט בערל, צוקאפנס, אף דער וואנט, לענינס בילד, אפן טיש — פאפירן און ביכער. ער ווארפט זיך פון שלאף. אין צווייטן צימער מושטירן זיך: בעסי, דזשעק, סילוויע, מייק און ראזעלע. זיי שלעפן נאך זיך אן עשאלאן פון אפגעריבענע שפילעכלעך: קעץ, הינט, פערד און וואגנס. די מושטירונג קומט פאר אן ווערטער. שטילע באוועגונג. מע גרייט זיך צום מארש. דזשעק אין פאָרויס מיט א פויק. מיילעך און פעסי שטייען אן א זייט.)

**פעסי:** (שטיל.) קינדער, וואס טוט איר? כאווער בערל איז געזעסן א גאנצע נאכט און צוגעגרייט א פלאן פון ארבעט; ער דארף אפפארן פון דאנען.

**דזשעק:** אפפארן, וואס הייסט ער וועט אפפארן?

**בעסי:** ער מוז, די פארטיי רופט!

**סילוויע:** אבער...

**מיילעך:** וואס אבער, טאכטער, מעגסט זאגן.

**סילוויע:** מע וועט דאך אזוי בייִנקען נאך אים!

**ראזעלע:** און דו וועסט ניט בייִנקען. און איך וועל ניט בייִנקען, מיר וועלן אלע בייִנקען!

**מיילעך:** מיר וועלן אלע בייִנקען. (כאפט ארום דעם זייגער.) אבער עס איז שוין שפעט, כאווער בערל האט אנגעזאגט מע זאל אים אויפוועקן אין צייט. ער טאר ניט פארשפעטיקן.

**בעסי:** פיאנערן, גרייט?

**אלע:** שטענדיק גרייט!

(זיי מארשירן אריין אין בערלס צימער, זיי מאכן זייער געדיכטע טריט, וואס מאכט דעם איינדרוק פון א לאנגן מארש פון א שטיק ארמיי. מיילעך און פעסי גייען בא דער זייט; דזשעק פויקט, מע זינגט, וואס אמאל העכער, ביז זיי קומען אן צו בערלס בעט פארענדיקן זיי דאס ליד. בערל ווארפט זיך פון שלאף און כאפט זיך אויף.)

**בערל:** זאל לעבן די יוגנט פון קאמבערלאנד!

**אלע:** הורא! זאל לעבן כאווער בערל!

**מיילעך:** וואס פאר א קאמבערלאנד האט זיך אייך געכאלעמט?

**בערל:** געכאלעמט? א, יא, געכאלעמט, א שיינער כאלעם.

**ראזעלע:** דערציייל אונדז.

**אלע:** דערציייל! (אלע רינגלען ארום זיין בעט.)

**בערל:** עס איז אין יאר 1950. אין יוגנט־טאג. א שיינער גארטן. די יוגנט איז געקומען פייערן זייער יאנטעוו. זיי לעבן אין א סאוועטן־אמעריקע. דעם גארטן האבן זיי א נאמען געגעבן „קאמבערלאנד." א יונגער באכער אזוי ווי דזשעק, האט זיך געשטעלט אף א באנק און געהאלטן א שיינע רעדע, מע האט געטאנצט און געזונגען און געשפילט. און פאפע און מאמע האבן דורכגעפירט א שיינעם טאנץ. זיי זיינען געווען אזוי פריילעך, אזוי לעבעדיק ווי איר.

**בעסי:** טאקע, אזוי האסטו יעדע זאך געזען, פינקטלעך ווי דו דערציילסט?

**סילוויע:** כאווער בערל זאגט קיינמאל ניט קיין ליגן.

פּעסי: אַ שיינער כאַלעם.

ראַזעלע: זייער אַ שיינער כאַלעם.

מיילעך: זייער אַ שיינער כאַלעם; אָבער פאַרוואָס האָבן זיי אַ נאָמען נעגעבן דעם גאָרטן „קאַמבערלאַנד?"

בערל: (טראַכט) שאַ, פאַרוואָס זשע טאַקע „קאַמבערלאַנד", לאָמיר זיך דער־מאָנען.

סילוויע: דו זאָלסט פאַרגעסן, דו, כאַווער בערל, דו ?

בערל: איך טאָר ניט פאַרגעסן ?

פּעסי: עס איז דאָך מער ניט ווי אַ כאַלעם.

בערל: איך האָב זיך דערמאָנט: אַזוי ווי דער באָכער, וואָס האָט אויך געהייסן בערל, איז געווען אַ גוטער קאָמוניסט, האָט מען אַ נאָמען געגעבן דעם גאָרטן „קאָמוניסט־בערל־לאַנד", פאַרקירצט, „קאַמבערלאַנד."

ראַזעלע: זייער שיין, קאַמבערלאַנד !

דזשעק: לאָמיר עפּעס אויך אַ נאָמען גיבן קאַמבערלאַנד.

פּעסי: מיר וועלן אַ נאָמען גיבן כאַווער בערלס צימער קאַמבערלאַנד !

קוריער: (עפנט און שרייט אַריין אין דער טיר פון צווייטן צימער) אַ טעלע־גראַמע, מיסטער פּאַטאַצקי !

מיילעך: אַ טעלעגראַמע פון מאַרין! (אַלע לאָזן זיך אין צווייטן צימער.) (בערל גיט זיך אַ טו אָן אונטער דער קאָלדרע.) כאַפּט די טעלעגראַמע און לייענט.) „העלאָו מאַם, פּאַפּ און גענג ! איך קום 9 אינדערפרי. גרייט צו אַ באַנקעט, מאַרי."

אַלע (טאַנצן.) מאַרי קומט אַהיים, מאַרי קומט אַהיים !

פּעסי: פּונקט אין צייט. איינער פאָרט אַוועק, דער צווייטער קומט !

בערל: באַשטימונג !

מיילעך: זיך עפּשער קענען אַמאָל צוכאַפּן אַ קוק טאָן, וואָס מע מאַכט ?

בערל: אויב מע וועט ניט דאַרפן „זיצן" ווי מאַרי.

פּעסי: ווער וועט העלפן צוגרייטן דעם אָפּשייד־באַנקעט פאַר כאַווער בערלען און אויפנאַם־באַנקעט פאַר כאַווער מאַרין ?

מיילעך: אַ פאָרשלאָג: אַז אַלע גרייטן.

אַלע: אונטערשטיצט !

(עס זידט די אַרבעט. מע צענעמט דאָס ווענטל. ווערט פון די צוויי צימערן איינער. מע שלעפּט אַ טיש, מע גרייט זיך, מע לויפט אַרויס און אַריין מיט זאַכן. בערל איז שוין פאַרפּוצט, זיין רענצל שטייט אין דער זייט. אַ לידל צעזינגט זיך פון אַלע צימערן. עס עפנט זיך די טיר און מאַרי קומט אַריין.)

אַלע: מאַרי ! מאַרי ! (מע קושט זיך, טרערן בא פּעסין און בעסין.)

מאַרי: פּע, ביטער, טרערן גאָר. אַ טענצל, כעווריע. — ווער איז דער כאַווער ?

בערל: (דריקט די האַנט) כאַווער בערל, כאַווער מאַרי. איך בין געווען דער פאַרטרעטער פון צענטער. פון היינט אָן ווערט איר פאַרטרעטער. (דער־לאַנגט אים אַ בריוול.) אָט דאָס איז די באַשטימונג און דער פּלאַן פון אַרבעט.

מאַרי: איך וואָלט געוואָלט מיט אייך נאָך רעדן, ווען פּאָרט איר ?
בערל: באַלד !
מאַרי: אַזוי שנעל ?
מיילעך: וועסט זיך צוגעוואוינען.
פּעסי: דער באַנקעט איז גרייט, צום טיש ! (מע זעצט זיך אַרום טיש.)
סילוויע: דערצייל עפּעס פון טורמע, מאַרי.
דזשעק: ער וועט דערציילן, זאָל ער אָפּעסן.
פּעסי: זעסט ווי דזשעק פאַרשטייט שוין עפּעס.
מאַקס און פריד: (קומען אַריין) העלאָו מאַרי ! (מע דריקט זיך די הענט.)
פריד: אַ באַנקעט לעקאָוועד כאַווער בערלען ?
בערל: לעקאָוועד כאַווער מאַרין צו זיין אַהיימקומען.
פּעסי: פאַר ביידע פּירער.
מאַקס: מיר וועלן פאַרשפּעטיקן די באַן !
בערל: (טוט אָן דעם מאַנטל.) נאָך היינט אוונט איז אַ מיטינג אין פּיטסבורג.
מאַרי: באַשטימט קיין פּיטסבורג ?
בערל: און אייך קיין ווילמינגטאָן !
מאַקס: מאַרי וועט זיין דער פּאַרטרעטער ?
בערל: יאָ.
פריד: אויסגעצייכנט !
קינדער: (אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַן-מאַרש, מאַכן נאָך שטיל די רעדער, דאָס זידן, פון איין זייט — פון דער צווייטער זייט, געזעגנט זיך.)
דזשעק: סטאַנציע ווילמינגטאָן ! (מע לאָזט זיך נעענטער צו דער טיר.)
בערל: איך וועל שרייבן זייער אָפט (געזעגנט זיך מיט די גרויסע.)
מאַרי: אויב מע וועט ניט דאַרפן „זיצן!"
קינדער: (האַלטן אָן) סטאַנציע פּיטסבורג !
בערל: (כאַפּט אַרום די כעוורע און קושט זיך מיט זיי.) סטאַנציע קאַמבערלאַנד!
(אָפּ מיט מאַקסן און פרידן. אַלעמענס בליקן היינגען בא דער טיר.)
קינדער: סטאַנציע קאַמבערלאַנד ! (האַלטן אָן דעם באַן־מאַרש.)
מיילעך: מאַרי, ווילמינגטאָן האָט אויפגעלעבט אונטער זיינע הענט, דו וועסט פאַרזעצן !
מאַרי: (ווערט לעבעדיקער.) מיר וועלן אַלע צוזאַמען, און די געגנג, אַ נו, אַ לידל, אַ טענצל, כעוורע.
מע נעמט זיך בא די הענט און מע טענצלט און מע זינגט:

איך בין אַ יאַט אַ בראַווער,
טאַ זיי מיט מיר אַ כאַווער,
מיר זיינען פּיאָנערן,
טאַ לאָמיר טאַנצן אין ראָד . .

(און מיט אַ פיינעם שמייכל לאָזט זיך צום לעצטן מאָל אַראָפּ דער

פ אָ ר ה אַ נ ג !)